*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## פרשת בא

---

אין היינטיקער סדרה דערציילט די תורה, אז דער אויבערשטער האט געהייסן מען זאל נעמען א שעפס און האלטן אים עטלעכע טעג אין שטוב, און דערנאך שעכטן אים פאר א קרבן פסח.

חז"ל זאגן דער טעם אויף דעם איז געווען, בכדי ווען די מצריים וועלכע האבן געדינט צו א שעפס, וועלן פרעגן נאך וואס האלט איר א שעפס אין הויז, זאלן די אידן ניט נתפעל ווערן און ענטפערן: מיר האלטן דעם שעפס אין הויז צו שעכטן אים פאר א קרבן.

דער תוקף - שטארקייט - און מסירת נפש וואס אידן האבן געהאט אויף ניט נתפעל ווערן פון די מצריים, האט געבראכט די גאולה.

אזוי ווי יציאת מצרים איז געקומען דורך תוקף - שטארקייט - און מסירת נפש, אזוי אויך די גאולה העתידה וועט קומען דורך דעם וואס מען וועט גיין מיט א תוקף - שטארקייט - און מסירת נפש.

אויב אלע מצוות דארף מען טאן מיט א תוקף, איז געוויס אז די מצוה פון אהבת ישראל - *יסוד כל התורה* - דארף מען אוודאי טאן מיט א תוקף, און פון קיינעם ניט נתפעל ווערן.

מען דארףריידן מיט א אידן וועגן תורה ומצוות, און אויב עס טוט גארניט אויף, דארף מען ריידן נאך אמאל. אויב אפילו יענער "בריקעט" זיך, דארף מען אויך ניט נתפעל ווערן, אדרבה, דאס איז א ראי' אז אים רירט דאס אן.

מען דארף גיין מיט א תוקף. מען דארף ריידן בדברי נחת כדי די רייד זאל אנגענומען ווערן, כפתגם פון דער פריערדיקער רבי'ן "מען דארף יענעם ניט אראפרייסן דעם נאז", אבער מיט א תוקף, און אז מען וועט ריידן בנחת ובתוקף, וועט מען מצליח זיין.

ווען מען וועט גיין מיט א תוקף און מסירת נפש, ניט נתפעל ווערן פון קיינעם, וועלן אלע מנגדים בטל ווערן, און עס וועט זיין די גאולה העתידה במהרה בימינו.

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:

כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

**יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד**

Back to "Dvar Torah"

*ב"ה*

# דבר תורה

*געדאנקען אויף דער פרשה פון דער וואך*
*פאר קינדער און יוגנט*
*לויט די שיחות*
*פון ליובאוויטשער רבי'ן*

---

## יו"ד שבט

---

*"כל השביעין חביבין"*
*ביאור פון רבי'ן אויף'ן נאמען "יוסף יצחק"*
*קטע משיחת יו"ד שבט תשי"א*

### "כל השביעין חביבין"

אין דעם מאמר פון "באתי לגני" ברענגט דער פריערדיקער רבי פון מדרש, אז ווען די וועלט איז באשאפן געווארן האט די שכינה געלויכטן דא אויף דער וועלט, נאר דורך די חטאים, דעם חטא עץ הדעת און די חטאים פון די שפעטערדיקע דורות, האט מען אוועקגעטריבן די שכינה פון דער וועלט און די שכינה איז ארויפגעגאנגען ביז צו דעם רקיע השביעי.

דערנאך זיינען געקומען די זיבן צדיקים, דער ערשטער, אברהם אבינו, האט אראפגענידערט די שכינה פון דעם זיבעטן רקיע צו דעם זעקסטן רקיע, יצחק צו דעם פינפטן, און אזוי ווייטער, ביז משה רבינו, וואס ער איז דער זיבעטער דור פון אברהם אבינו, וואס "*כל השביעין חביבין*" (אלע זיבעטער'ס זיינען באליבט), האט אראפגענידערט די שכינה פון דעם ערשטן רקיע צו דער וועלט, דורך דעם וואס ער האט געבויט דער משכן, וואו די שכינה האט גערוט, ווי עס שטייט: "ועשו לי מקדש ושכנתי בתוכם".

איז דער רבי מבאר אין זיין ערשטער מאמר פון "באתי לגני", אז פונקט ווי עס זיינען דא זיבן דורות פון אברהם אבינו ביז משה רבינו, און משה רבינו, דער זיבעטער, האט פארענדיקט די ארבעט וואס אברהם אבינו האט אנגעהויבן און האט אראפגעבראכט די שכינה אויף דער וועלט - די זעלבע זאך איז ביי אונז, וואס מיר זיינען דער זיבעטער דור פון דעם אלטן רבי'ן.

דער ציל פון תורת החסידות איז דאך אויף צו צוגרייטן די וועלט צו ביאת המשיח, וואס דעמאלט וועט די שכינה ווידער אראפקומען דא אויף דער וועלט. דער אלטער רבי האט דאס אנגעהויבן, און מיר, דער זיבעטער דור, דארפן פארענדיקן די ארבעט פון אראפברענגען די שכינה דא אויף דער וועלט.

ווי אזוי ברענגט מען אראפ די שכינה דא אויף דער וועלט? דארף מען זיך לערנען פון אברהם אבינו, דער ערשטער איד וואס האט אנגעהויבן צו אראפברענגען די שכינה. עס שטייט אין פסוק "ויקרא שם בשם ה' א-ל עולם", אברהם האט דארט אויסגערופן אין דער נאמען פון אויבערשטן, דער באשעפער פון דער וועלט. זאגן חז"ל "אל תקרי ויקרא אלא ויקריא", לייען ניט "ויקרא", וואס מיינט אז *ער* האט אויסגערופן, נאר לייען "ויקריא", אז ער האט *געמאכט אנדערע* צו אויסרופן. דאס מיינט, אז אברהם אבינו האט געהאט מסירת נפש אויף

צו פארשפרייטן דעם אויבערשטנ'ס נאמען אין דער גאנצער וועלט, ביז אז אלע זאלן אויסרופן אז זיי אנערקענען דעם אויבערשטן אלס דעם באשעפער פון דער וועלט.

די זעלבע זאך דארפן מיר, דער דור השביעי, וויסן, אז מיר דארפן האבן מסירת נפש צו גיין אין אזעלכע ערטער וואס ווייסן ניט פון ג-טלעכקייט, ווייסן ניט פון אידישקייט, און ווייסן אפילו ניט פון אל"ף בי"ת, און זייענדיק דארטן דארף מען זיך אפלייגן אן א זייט און זעהן אז ניט נאר אז יענער זאל וויסן אז דער אויבערשטער איז "א-ל עולם", נאר אז יענער אליין זאל דאס אויסשרייען, "ויקריא".

און כאטש אפילו מיר קענען טראכטן, ווער קען זיך צוגלייכן צו אברהם אבינו? דארף מען אבער וויסן זיין אז מען האט אונז געגעבן די כוחות אויף דעם, און דער רבי האט אונז באוויזן ווי אזוי מען קען דאס דורכפירן און ער האט פאר אונז אויסגעטראטן דער גאנצער וועג אז מיר זאלן קענען דורכפירן די שליחות.

און דער רבי פירט אויס אין דעם מאמר, אז דער רבי וואס האט געליטן פון אונזערע עבירות, איז פונקט ווי ער האט געזען אונזערע צרות, זאל ער אויך גאר אין גיכן אויסלייזן אונז פון גלות, און "אין הדבר תלוי אלא בנו", די זאך הענגט אפ אין אונז, דער דור השביעי. ונזכה זעהן זיך מיט'ן רבי'ן דא למטה אין א גוף ולמטה מעשרה טפחים, והוא יגאלנו.

## ביאור פון רבי'ן אויף'ן נאמען "יוסף יצחק"

פון די ענינים המיוחדים וועלכע מען קען זיך אפלערנען פון דער הנהגה פון כ"ק מו"ח נשיא דורנו (דער בעל הילולא פון עשירי בשבט) - וואס די ענינים זיינען נוגע במיוחד צו אונזער דור:

א) צו זיך ניט באגנוגענען מיט די ענינים וואס מען האט שוין דערגרייכט, נאר מען דארף האלטן כסדר אין איין מוסיף זיין: סיי אין דער עבודה פון זיך אליין, און סיי אין דער עבודה פון הפצת היהדות און הפצת המעיינות חוצה.

ב) אז יעדער ענין אין עבודת ה' (סיי די עבודה בנוגע צו זיך אליין, און סיי בנוגע צו די עבודה צו משפיע זיין אויף דעם זולת) זאל מען עס טאן "בשמחה ובטוב לבב".

און די השפעה אויף דעם זולת זאל זיין אין אזא אופן, אז אויך באם זולת זאל עס ארויסרופן שמחה ותענוג.

און אט די צוויי ענינים זיינען מרומז אין דעם נאמען פון דער בעל ההילולא - *יוסף יצחק*:

*יוסף* - מלשון הוספה. האלטן אין איין מוסיף זיין, סיי בנוגע צו דער עבודה פון זיך אליין, און סיי בנוגע צו דער עבודה פון "יוסף ה' לי בן אחר", צו משפיע זיין אויף א אידן וואס ער איז נאך ליידער אין א מצב פון "אחר" און מען זאל מאכן פון אים א "בן". און אויכעט, אז אויב אפילו אין *איין* ענין איז ער נאך אלץ אין דעם מצב פון "אחר" - איז דארף מען אויף אים משפיע זיין אז אויך אין *דעם איינציקען* ענין זאל ער ווערן אין דעם דרגא פון "בן".

און *יצחק* - מלשון צחוק ותענוג, אז יעדער ענין פון עבודת ה' זאל מען טאן בתענוג ובשמחה.

און דער צחוק ותענוג דארף זיין ניט נאר בנוגע צו זיך אליין, נאר אויך בנוגע צו דעם וועמען מען דארף ערשט מקרב זיין צו אידישקייט, אז די התקרבות צו תורה ומצוות זאל זיין דורך מדגיש זיין דעם טוב טעם און תענוג פון תורה ומצוות.

וואס אויך דאס איז מרומז אין נאמען *יצחק*: דער נאמען *יצחק* איז דאך על שם "כל השומע

יצחק לי" - אז "*כל השומע*", *יעדערער* וואס הערט אז ס'איז געבארן געווארן נאך א איד, דאס הייסט אז ס'איז צוגעקומען געווארן נאך אן ענין אין אידישקייט - זאל עס ארויסרופן ביי אים שמחה ותענוג.

*נאך אן ענין אין דעם*:

ביידע נעמען - *יוסף* און *יצחק* - זיינען פארבונדן מיט דער *גאולה העתידה* [וואס דערפאר פאנגען זיך אן ביידע ווערטער מיט א יו"ד, וואס ווייזט אויף לשון עתיד]:

*יוסף* - איז "על שם שעתיד הקדוש ברוך הוא להוסיף ולגאול את ישראל ממלכות הרשעה כשם שגאל אותם ממצרים דכתיב והי' ביום ההוא יוסיף ה' שנית ידו וגו'".

און אזוי אויך בנוגע צו *יצחק* שטייט אז דאס וואס יצחק איז לשון עתיד, איז עס ווייל לעתיד לבוא וועט נתגלה ווערן דער "צחוק ותענוג העליון".

## קטע משיחת יו"ד שבט תשי"א

כי בשמחה תצאו ובשלום תובלון, אז עס וועט זיין שמחה וואס דעמאלט וועט ממילא זיין שלום, אז די אלע וואס זיינען צוגעבונדען צום רבי'ן וועלן זיין באחדות, דעמאלט איז אויך ההרים והגבעות, איז ניט נאר וואס זיי וועלן ניט מעכב זיין, נאר זיי וועלן מסייע זיין. וכל עצי השדה וואס זיי זיינען ניט עושה פירות, זיי זיינען אילני סרק, וועלן זיי עושה פירות זיין, כמאמר רז"ל עתידים אילני סרק שיעשו פירות, נאר בתנאי אז עס זאל זיין שלום, די אלע וואס האבן א שייכות צום רבי'ן זאלן זיין באחדות, דעמאלט וועט דער אויבערשטער העלפן מען זאל אויספירן די כוונה וואס דער רבי האט אויף אונז אלע ארויפגעלייגט און אונז איבערגעגעבן, וואס דאס איז דער תכלית הטוב וואס עס קען זיין.

(משיחת יו"ד שבט תשי"א, *מוגה*)

*

*על ידי חיזוק ההתקשרות בלימוד תורתו וקיום הוראותיו*
*נזכה תיכף "זעהן זיך מיט'ן רבי'ן" בעיני בשר*
*והרבי יוליכנו אל הגאולה*

יוצא-לאור ע"י:
כיתה ג (ד) של
*מוסד חינוך "אהלי תורה - אהלי מנחם"*
667 איסטערן פארקוויי
כאן צוה ה' את הברכה
ברוקלין, ניו יארק
E-Mail: Editor of Dvar Torah
עורך: הרב דוד שי' הערצל

# יחי אדוננו מורנו ורבינו מלך המשיח לעולם ועד

Back to "Dvar Torah"